גוט שבת אלע אידן. ר' שמואל גרונבוים, וואס האט איבערגעלעבט די שרעקליכע מלחמה יארן, האט פארלאזט אייראפע נאך די מלחמה און איז געגאנגען וואוינען אין אמעריקע, האפענדיג צוריקצובויען זיין לעבן. ביים אנהייב, ווען ער איז ערשט אנגעקומען, האט ער געוואוינט אין וויליאמסבורג צווישן אסאך אנדערע אידן וואס זענען ב"ה געראטעוועט געווארן פון די לאגערן. לײדער האט כמעט יעדער איינער אויב נישט יעדער איינער זיך געפלאגט מיט פרנסה. ווי אזוי וועט שמואל האבן פרנסה? ער האט געגלייבט אז דער אייבערשטער וועט אים העלפן.

סוף כל סוף האט שמואל געטראפן א דזשאב ארבעטן אין א געשעפט וואו מען פארקויפט אייער. עס איז געווען א גוטער דזשאב, ווייל דער געשעפט האט מצליח געווען. דורך דעם האט שמואל געהאט כסדר'דיגע ארבעט, אפילו דער באלוינונג איז געווען ווייניג. איין טאג, האט שמואל געטראכט וועגן א וועג וויאזוי צו מאכן אביסל מער געלט. ער האט אנגעהויבן ארומצוטראגן אייער און פארקויפן זיי פאר מענטשן אינדערהיים, כדי די מענטשן זאלן נישט דארפן קומען צו דעם געשעפט, ד"ה דעליווערייס.

צוביסלעך, האט די נייע ביזנעס מער און מער מצליח געווען. ער האט אפילו געהאט איין קאסטעמער וואס האט געהאט א וואכענטליכע אורדער. שמואל איז געווען פארלעסליך און ער האט אייביג געהאנדעלט ערליך מיט אלע וועלכע האבן געקויפט די אייער. דורך דעם האט ער געהאט א גוטער נאמען.

איין טאג, איז שמואל געווען פארנומען מאכן זיינע דעליווערייס, ווען ער איז געגאנגען צו דעליווערן צו זיין וואכענטליכע קאסטעמער אין וויליאמסבורג. ער איז ארויפגעגאנגען אויף די טרעפן און ער האט פארזיכטיגעהייט אראפגעלעגט דעם קארטון אייער לעבן דער טיר. דאן איז ער אוועקגעגאנגען צו זיין נעקסטע דעליווערי.

א פאר פיס טריט אוועק פון דעם הויז, האט ער געשפירט א האנט אויף זיין אקסעל, און איינער האט אים געפרעגט, "אנטשולדיגט מיר, דו קענסט אפשר העלפן אונז מאכן א מנין צו מנחה?" דער מענטש האט געוויזן מיט זיין האנט צו דעם אריינגאנג פונעם בעיסמענט פון דעם שטוב פון וואו שמואל איז יעצט ארויסגעקומען, ווייל דארט אינטען איז געווען א שטיבל.

"אודאי, וויל איך משתתף זיין מיט אייך." האט שמואל געזאגט פאר דעם מענטש. אפאר מינוט שפעטער האט דאס דאווענען זיך אנגעהויבן. דער מנין איז גראדע גרעסער געווארן אין מיטן דעם דאווענען ווען אנדערע אידן זענען אנגעקומען.

פלוצלינג, אין מיטן חזרת הש"ץ, האט עפעס געכאפט שמואל'ס אויג. א מענטש איז אריינגעקומען מיט א קארטון אייער. שמואל האט גלייך דערקענט דעם קארטון אייער, ווייל די זענען די אייער וואס ער האט יעצט אריינגעברענגט.

שמואל האט אלעס אנגעקוקט מיט א צומישטקייט ווען ער האט דערזען ווי דער מענטש איז ארומגעגאנגען אין די שול און יעדער איינער האט ארויסגענומען א פאר אייער פונעם קארטון. ווען דער מענטש איז אנגעקומען צו אים, האט שמואל געוויזן מיט זיין האנט אז דער מענטש זאל גיין ווייטער, ווייל ער דארף נישט קיין אייער! ער האט ארומגעקוקט דעם שול און געזען א אינטערעסאנטע זאך, אז יעדער איינער האלט איין אדער צוויי אייער! שמואל איז געווארן ערשטוינט. וואס איז געווען דער טעם פון דעם מאדנע אויפפירונג אז יעדער איינער האט גענומען אייער?

ווען דאס דאווענען האט זיך געענדיגט, איז שמואל צוגעגאנגען צו דעם איד מיט דעם קארטון אייער וואס איז שוין דעמאלט ליידיג געווען. "זאג מיר, פון וואו קומט דעם אינטערעסאנטען מנהג, צו טיילן אייער ביים דאווענען?"

דער מענטש האט געשמייכעלט. "דאס איז דער סקווירער שטיבל," האט ער מסביר געווען. די רבי'צן וואס וואוינט אויבען, האט געוואלט שטיצן א געוויסען איד וואס דעליווערט אייער, ווייל דער איד דארף פרנסה. זי באשטעלט א וואכענטליכע אורדער, (וואס איז אסאך אייער), אבער באמת, דארפט זי נישט אזוי סאך אייער. וועגן דעם האט זי געבעטן פון מיר צו אויסטיילן יעדע וואך די אייער צו דעם מנין, כדי עס זאל נישט זיין א שאד. פארשטייסט? עס איז גאנץ פשוט [די 'מנהג' פון טיילן אייער]." האט דער מענטש געענדיגט מסביר זיין פאר שמואל.

שמואל האט געוויזן מיט זיין קאפ אז ער פארשטייט גאנץ גוט דעם מענטש'ס ווערטער, "אה... יא..." האט שמואל געזאגט פאר דעם מענטש מיט א זעכערקייט, "איך פארשטיי עס אסאך בעסער ווי דו מיינסט!"

שמואל האט באדאנקט דעם איד און דאן איז ער ארויסגעגאנגען פונעם שטיבל און ארויפגעגאנגען צו דער גאס. זיין עול פון פרנסה איז געווארן אביסל לייכטער דורך דעם חסד פון דער סקווירער רביצן!

די היינטיגע פרשה רעדט וועגן חסד. די פרה אדומה איז געווען א בחינה פון "מטהר טמאים, ומטמא טהורים." ד"ה אפילו אז די פרה אדומה האט געמאכט א טמא'נע מענטש טהור, אין דעם זעלבען צייט האט עס געמאכט טמא, דער כהן וואס איז געווען טהור. אין די פרשה ליגט איינע פון די יסודות פון זיין א איד. דאס הייסט, מען מוז טון חסד פאר א צווייטן, בפרט ווען טון דעם חסד איז גורם גשמיותדיגע שאדענס פאר זיך. אזוי ווי דער כהן האט אוועקגעגעבן פון זיך צו העלפן אידן, אזוי דארפן אונז טון.

זאגט די הייליגע משנה, אז די גאנצע עולם שטייט אויף גמילות חסדים (אבות א,ב). זאגט אויך דער הייליגער ארחות צדיקים, "גדול החסד שבו נבנה העולם, שנאמר "עולם חסד יבנה" (מכילתא בשלח טו, יג, בשם תהלים פט,ג) לכן ידבק האדם במידת הנדיבות שגורמת כל הטובות האלה." ד"ה די גאנצע וועלט איז געבויט אויף חסד. וועגן דעם דארף א מענטש זיך צוקלעבן צו דער מדה פון חסד. דאס איז נאך מער שייך ביי חסידים, וואס טראגען אין זייער טיטל דעם מדה פון חסד. אזוי ווי רבי משה גבאי ז"ל האט אמאל געדרשנט, "א חסיד איז א איד ארומגענומען מיט חסד." דורך ארבעטן אויף די מדה פון חסד, און דורך כסדר זוכן צו טון חסד פאר א צווייטען, אזוי ווי די רביצן ע"ה האט געטון אין דעם אויבערדערמאנטע מעשה, וועלן מיר אלע זוכה זיין אי"ה צו זיין ראוי צו דעם אייבערשטענ'ס חסד. **גוט שבת אלע אידן.**